**איף באלדיגע פובליקירונג:** 9/14/2021 **גאווערנאר קעטי האוקאל**

# גאווערנער האוקאל אנאנסירט פארענדיגונג פון 42 מיליאן דאלארדיגע ביליגע און שטיצנדע האוזינג פראיעקט אין ראקלענד קאַונטי

***ווינסענט'ס ווילעדזש שטעלט צו 93 היימער מיט אויפן-ארטיגע געזונטהייט און וואוילזיין סערוויסעס צו העלפן עלטערע מענטשן צו וואוינען אויף א זעלבסטשטענדיגע אופן***

***ביליגע האוזינג דעוועלאפמענט געבויט מיט 21.9 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די עפענונג פון ווינסענט'ס ווילעדזש, א 42 מיליאן דאלארדיגע ביליגע און שטיצנדע האוזינג דעוועלאפמענט אין נעניועט ווילעדזש אין ראקלענד קאַונטי. געשטיצט מיט 21.9 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פון די ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּ·על (Homes and Community Renewal, HCR), האט די דעוועלאפמענט 93 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן מיט אויפן-ארטיגע געזונטהייט און וואוילזיין סערוויסעס פאר מענטשן פון 55 יאר און עלטער.

"מיר טוהען ווייטער מאכן א פריאריטעט און אינוועסטירן אין האוזינג פאר עלטערע מענטשן פאר צוגענגליכע פרייזן מיט דעוועלאפמענטס ווי ווינסענט'ס ווילעדזש", **האט גאווערנאר האוקאל געזאגט.** "דאס איז א ביישפיל פון וואס עס קען ערררייכט ווערן ווען א רעליגיעזע קאמיוניטי, די סטעיט און די פריוואטע סעקטאר גיבן איבער זייער ענערגיע און עקספערטיז צו א דעוועלאפמענט וואס וועט פארבעסערן די לעבנס פון אונזערע ניו יארקע שכנים וועלכע דארפן א פלאץ וואו צו וואוינען אויף א זעלבסטשטענדיגע אופן און מיט כבוד. די נייע קאמיוניטי אין ראקלענד ערלויבט איינוואוינער צו וואוינען אין א הערליכע אטמאספערע מיט שטיצנדע סערוויסעס אוועילעבעל אויב זיי דארפן צוקומען דערצו."

ווינסענט'ס ווילעדזש האט דריי וואוינונג געביידעס מיט א סך הכל פון 93 אפארטמענטס, אריינרעכענענדיג 81 איין-שלאף צימערדיגע יו·ניטס און 12 צוויי-שלאף צימערדיגע יו·ניטס, אלע וועלכע זיין געגוג ביליג פאר משפחות וועלכע פארדינען 60 פראצענט אדער ווייניגער פון די ארטיגע דורכשניטליכע איינקונפט (Area Median Income). די דעוועלאפמענט האט 35 יו·ניטס וועלכע האבן צוטריט צו רענט סאַבסידיס און שטיצנדע סערוויסעס איוסגעצאלט דורך די עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג אונטערנעמונג (Empire State Supportive Housing Initiative) דורך די ניו יארק סטעיט העלט דעפ·ארטמענט.

פלאצירט אויף קאנוועגט ראָוד, רעכנט די דעוועלאפמענט אויך אריין צוויי געביידעס וועלכע האבן אין זיך א דזשים, א צימער צו וואשן וועש, קאמיוניטי צימערן און "וויני'ס קאפע" – א ספעציעל-געבויטע פלאץ בייגעשטייערט דורך די סיסטערס אָוו טשעריטי האוזינג דעוועלאפמענט קערפערשאפט (Sisters of Charity Housing Development Corporation). שטיצע סערוויסעס פאר אלע איינוואוינער רעכענען אריין אויפפאסן אויף די געזונט, קעיר קאָ-ארדינעישען און קעיס מענעדזשמענט, קאונסעלינג און געזעלשאפטליכע אקטיוויטעטן.

ווינסענט'ס ווילעדזש איז געבויט צו שפּאָרן ענערגיע אַריינרעכענענדיג ענערגיע-שפּאָרזאַמע הייצונג, קילונג און ווענטילאַציע עקוויפּמענט; מעבל און באַלייכטונג וועלכע קומען נאָך די סטאַנדאַרט פון ענערדזשי סטאַ ר, און פּ·לאָמבינג איינריכטונגען מיט א נידעריגע פלוס. די דעזיין פון די געביידעס און די קאנסטרוקציע האט געוואונען א גאָלד סערטיפיקאַציע פאר פירערשאַפט אין ענערגיע און ענוויירעמענטאַלע דעזיין פון די פאראייניגטע שטאַטן גרינע בויען קאָ ונסיל.

פלאַצירט אין קלאַ רקסטאַ ון, איז די דעוועלאַפּמענט אין די האַלבע מייל פון פלעצער צו איינקויפן און אַנדערע סערוויסעס לענגאויס רו·ט 59 און נאָענט צו פּובליק טראַנספּאָרטאַציע, אַריינרעכענענדיג די פּ·עסעיק וועלי ליניע פון NJ טרענזיט. לאָקאַלע טראַנספּאָרטאַציע פאר איינוואוינער וועט צוגעשטעלט ווערן דורך ראַקלענד קאָ ונטי Mini-Trans און TRIPS, די קאָ ונטי'ס פּ·אַראַטראַנזיט סערוויס.

סטעיט פינאַנצירונג פאר ווינסענט'ס ווילעדזש רעכנט אריין 7.5 מיליאן דאָלאַר אין פּערמאַנענטע באַנדס וועלכע זענען פטור פון טעקס, פעדעראַלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס וועלכע האָבן אויפגעטריבן 14.7 מיליאן דאָלאַר אין עקוויטי און 14.4 מיליאן דאָלאַר אין סאַבסידי פון ניו יארק סטעיט היימער און קאַמיוניטי רינו·על.

די פּראָיעקט'ס קאָ-דעוועלאָפּערס זענען די סיסטערס אָוו טשעריטי האוזינג דעוועלאָפּמענט קאָרפּאָרעישאַן און ראַ קעביל דעוועלאַפּמענט. היימער און קאַמיוניטי באַנייאונג האט אויך פינאַנצירט די דערנעבנדע סטאָ ן ווילעדזש, וועלכע האט זיך געעפנט אין 2003 און האט 106 אַפּאַרטמענטס פאר עלטערע מענטשן.

**היימער און קאַמיוניטי רינו·על קאַמישאַנער וויסנאַסקעס האט געזאָגט,** "מיר זענען שטאָלץ צו אַרבעטן בשותפות מיט די סיסטערס אָוו טשעריטי האוזינג דעוועלאַפּמענט קאָרפּאָרעישאַן און ראַ קעביל דעוועלאַפּמענט אויף די וויכטיגע 42 מיליאן דאָלאַרדיגע דעוועלאַפּמענט. דריי און ניינציג פאַמיליעס האָבן נייע, ענערגיע-שפּאָרזאַמע און זיכערע היימער אין א בליהענדע קאַמיוניטי וואו זיי קענען בלייבן אַקטיוו און וויסן אַז עס איז דאָ שטיצע פאר זיי. די קאַוויד (COVID) פּאַנדעמיע האט נאָר פאַרשטערקערט אונזער אַנטשלאָסנקייט צו צושטעלן האוזינג געלעגנהייטן פאר צוגענגליכע פרייזן וועלכע אַנערקענען די קריטישע פאַרבינדונג צווישן געזונטהייט און האוזינג און הילף אין די סטעיט'ס לאַנג-טערמיניגע ערהוילונג."

די איבערגעגעבנקייט צו צושטעלן פאר אַלע ניו יאָרקער צוטריט צו זיכערע און ביליגע האוזינג זעהט זיך אָן אין די סטעיט'ס פּרעצעדענטלאָזע 20 ביליאָן דאָלאַרדיגע, פינף-יאָריגע האוזינג פּלאַן וואָס מאַכט האוזינג צוגענגליך און וואָס באַקעמפט היימלאָזיגקייט דורכן בויען און אויפהאַלטן מער פון 100,000 ביליגע היימער און 6,000 אַפּאַרטמענטס מיט שטיצע סערוויסעס. איבער די פאַרגאַנגענע צען יאָר אין די האַדסאָן וועלי האט די HCR בייגעשטייערט בערך 1.4 ביליאָן דאָלאַר צו בויען אָדער אויפהאַלטן מער פון 12,000 ביליגע היימער, אויסנוצנדיג כמעט 3.8 ביליאָן דאָלאַר אין סך הכל אינוועסטירונג, אַריינרעכענענדיג 51.5 מיליאָן דאָלאַר פאר בערך 575 ביליגע היימער אין ראַקלענד קאָ ונטי.

**העלט דעפּאַרטמענט קאַמישענער האָווארד א. זוקער, MD, האט געזאָגט,** ״פאַרלעסליכע און זיכערע האוזינג איז די יסוד פון גוטע געזונטהייט, און איך בין זיכער אַז דורך די פינאַנצירונג וועט ווינסענט'ס ווילעדזש זיין אויסגעשטאַטעט צו קענען גיבן פאר זייערע איינוואוינער די סערוויסעס וואָס זיי דאַרפן. איך בין שטאָלץ מיט אונזערע אַנגייענדע באַמיאונגען צו פאַראויס רוקן אונזער סטעיט און צו צושטעלן פאר ניו יאָרקער די זיכערהייט וואָס זיי דאַרפן פאר א לעכטיגע און געזונטע צוקונפט."

**קאַרדינאל טימאטי מייקעל דאָלען האט געזאגט,** "די פאקט אז ווינסענט'ס ווילעדזש איז געבויט געווארן אויף די שטח פון די געוועזענע סעינט אגאטא'ס בית יתומים, אויך בייגעשטייערט דורך די סיסטערס אָוו טשעריטי, ווייזט אויף די איבערגעגעבנקייט פון די סיסטערס צו די קאמיוניטי, און אזוי אויך זייער וויליגקייט צו טוישן און צופאסן זייער מיניסטעריום צו נאכקומען די געברויכן וועלכע טוישן זיך כסדר פון די מענטשן וועם זיי ווילן הילף."

**סיסטערס אָוו טשעריטי פון ניו יארק פרעזידענט שוועסטער דאָנע דאַדזש האט געזאגט,** "מיר זענען גאר דאנקבאר פאר די שטיצע פון NYS היימער און קאמיוניטי רינוּעל און אזויפיל אנדערע וועלכע האבן ערמעגליכט די פראיעקט. די האפענונג פון די סיסטערס אָוו טשעריטי פון ניו יארק איז אז די איינוואוינער פון ווינסענט'ס ווילעדזש וועלן דערלעבן פילע פרייליכע יארן, געזונטערהייט און מיט קאמיוניטי אין זייערע נייע היימער."

**ראַקעביל דעוועלאפמענט מענעדזשינג פּרינסיפּאל ניעל דזש. מורעי האט געזאגט,** "ראַקעביל זעהט דאס אלץ אן עהרע צו זיין שותפים מיט די סיסטערס אָוו טשעריטי אויף אזא וויכטיגע פראיעקט פאר די קאמיוניטי. נאכפאלגנדיג די סיסטער'ס מיסיע, וועט ווינסענט'ס ווילעדזש צושטעלן הויכע קוואליטעט היימער און העלפן עלטערע מענטשן צו אנהאלטן זייער זעלבסטשטענדיגקייט און וואוילזיין אזוויי זיי פארעלטערן זיך. מיר ווילן באדאנקען אונזערע פילע שותפים אין די אונטערנעמונג, און מיר זענען דאנקבאר פאר די צוזאמענארבעט וואס האט געמאכט דעם חזון א רעאליטעט."

**סענאטאר עלייזשע רייכלין-מעלניק האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר פאר די היימער און קאמיוניטי רינוּעל און פאר די סיסטערס אָוו טשעריטי פאר זייער אינוועסטירונג אין ביליגע האַוזינג פאר עלטערע מענטשן דא אין קלאַרקסטאון. אזוי ווי די קאסטן פון וואוינען אין ראקלענד קאַונטי האבן זיך געהויבן אין די לעצטע צוואנציג יאר, איז עס געוואלדיג וויכטיג אז מיר זאלן האבן א וועג פאר עלטערע מענטשן זיך צו פארעלטערן אין אונזער קאמיוניטי בשעת'ן לעבן מיט א קביעות'דיגע איינקונפט. איך בין דאנקבאר פאר די אינוועסטירונג וואס וועט העלפן אונזערע עלטערע מענטשן צו בלייבן אין די קאמיוניטי וואס זיי האבן ליב."

**אסעמבלימאן קען זעבראַוסקי האט געזאגט,** "ווינסענט'ס ווילעדזש האוזינג דעוועלאפמענט וועט צושטאלן די גאר נויטיגע ביליגע האוזינג פאר ראקלענד'ס עלטערע בירגער בשעת'ן אויפהאלטן א געזונטע און שטיצנדע ענווייראמענט. א גרויסן דאנק צו גאווערנאר האוקאל, ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער וויסנאסקעס און שוועסטער דאָנע דאַדזש פון די סיסטערס אָוו טשעריטי האוזינג דעוועלאפמענט קערפערשאפט פאר זייער צוזאמענארבעט צו מאכן אזא פראיעקט פאר א רעאליטעט. ראקלענד קאַונטי האט א ריזיגע נויט וואס איז נישט נאכגעקומען געווארן פאר ביליגע האוזינג, און די פראיעקט איז קריטיש נאכצוקומען דעם נויט."

**ראקלענד קאַונטי עקזעקיוּטיוו עד דעי האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ, פערזענליך און פראפעסיאנאל, פון די שטיצנדע און ביליגע אפארטמענטס פאר ראקלענד'ס עלטערע מענטשן. די ווילעדזש איז א הערליכע פלאץ צו אנרופן היים, און עס איז גענוי די סארט פון טראכטן פון פאראויס און פאראנטווארטליכע דעוועלאפמענט וואס ראקלענד דארף."

**סוּפּערווייזאר דזשארדזש האָומאן האט געזאגט,** "האוזינג פאר עלטערע מענטשן איז אלץ געווען איינס פון מיינע הויפט פריאריטעטן. עס דערפרייט מיר אז די סיסטערס אָוו טשעריטי און ראַקעביל דעוועלאפמענט האבן זיך צוזאמענגעשטעלט צו בויען ווינסענט'ס ווילעדזש אין קלאַרקסטאון טאון. די נייע דעוועלאפמענט וועט גיבן פאר אונזערע עלטערע מענטשן די געלעגנהייט צו האבן זיכערע, צוגענגליכע און ביליגע האוזינג אין קלאַרקסטאון, בשעת'ן זיי גיבן די שטיצע סערוויסעס וואס זיי דארפן. א דאנק אויך פאר ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל פארן העלפן פינאנצירן די פראיעקט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך אויסשרייבן